YIDDISH

**NYC**

Bill de Blasio
Mayor

**Department of Consumer Affairs**

Julie Menin
Commissioner

# באצאלטע קראנקהייט אורלויב: וואס ארבעטסגעבער דארפן וויסן

געוויסע ארבעטסגעבער מוזן נאכקומען ניו יארק סיטי'ס Earned Sick Time Act (Paid Sick Leave Law) (פארדינטע קראנקהייט צייט אקט - באצאלטע קראנקהייט אורלויב געזעץ) אנגעהויבן אפריל 1, 2014. אונטער די געזעץ, האבן געדעקטע ארבעטער די רעכט צו נוצן קראנקהייט ארלויב פאר די קעיר און באהאנדלונג פון זיך אדער א פאמיליע מיטגליד.

די דעפארטמענט און קאנסומער אפפעירס (DCA) האט צוגעגרייט דעם בלאט כדי צוצושטעלן אנווייזונגען פאר ארבעטסגעבער איבער זייערע פאראנטווארטליכקייטן אונטער די געזעץ. DCA וועט אפדעיט'ן דעם בלאט ווי פאסיג. ביטע נעמט אין אכט דעם דאטום אונטן פון דעם בלאט. צו ליינען דעם געזעץ אדער אפט געפרעגטע פראגן איבער די געזעץ, גיי צו **nyc.gov/PaidSickLeave**.

## ארבעטסגעבער וועלכע מוזן צושטעלן קראנקהייט אורלויב

| צאל ארבעטער | מאס קראנקהייט אורלויב פער קאלענדער יאר | באצאלטע אדער אומבאצאלטע קראנקהייט אורלויב | ראטע פון באצאלונג |
|---|---|---|---|
| 5 אדער מער<br><br>*מוז ארבעטן מער ווי 80 שטונדן א קאלענדער יאר** | ביז 40 שטונדן | באצאלט | געווענליכע ראטע אבער נישט ווינציגער ווי $8 פער שטונדע (מינימום געהאלט) |
| 1-4<br>*מוז ארבעטן מער ווי 80 שטונדן א קאלענדער יאר** | ביז 40 שטונדן | אומבאצאלט | נישט גילטיג |
| 1 אדער מער דאמעסטיק ארבעטער<br><br>*מוז ארבעטן מער ווי 80 שטונדן א קאלענדער יאר און האבן געארבעט פאר די זעלבע ארבעטסגעבער פאר אמווייניגסטנס איין יאר* | 2 טעג | באצאלט | געווענליכע ראטע אבער נישט ווינציגער ווי $8 פער שטונדע (מינימום געהאלט) |

*באמערקונג: "קאלענדער יאר" מיינט סיי וועלכער געווענליכער און נאכאנאנד 12-מאנאט צייט אפשניט באשטימט דורך אן ארבעטסגעבער.

***באמערקונג***: אויב איר האט אן עקזיסטירנדן פאליסי וועלכע ערלויבט איינגעשטעלטע צו נוצן קראנקהייט אפוועזנהייט, דארף דער פאליסי נאכקומען אדער איבערשטייגן די פאדערונגען פון דאס געזעץ.

## ארבעטסגעבער ווענמע'ס ארבעטער זענען נישט געדעקט דורך די געזעץ

דער געזעץ דעקט נישט קיין ארבעטער וואס ארבעטן 80 שעה אדער ווייניגער פער קאלענדער יאר; סטודענטן אין פעדעראלע ארבעט שטודיע פראגראמען; ארבעטער וועמענס ארבעט ווערן באצאלט דורך קוואליפיצירטע לערנען פראגראמען; ארבעטערס פון רעגירונג אגעטורן; פיזיקל טעראפיסטן; באשעפטיגונג טעראפיסטן; רעדן שפראך פאטאלאגיסטן, אויער- פראפעשאניאלן וועלכע האבן לייסענס פון די ניו יארק סטעיט אפטיילונג איבער ערציאונג אויב זיי רופן אריין פאר ארבעטס אויפגאבן אויף זייער אייגענע ווילן, באשטימען זייער אייגענע ארבעטס סקעדזשועל, האבן די מעגליכקייט צו אנטזאגן אדער אננעמען סיי וועלכע ארבעט וועלכע ווערן פארגעשלאגן פאר זיי, און ווערן באצאלט א דורכשניטליכע געהאלט באזירט אויף די שעה, וועלכע איז ווייניגסטנס פיר מאל אזויפיל ווי די פעדעראלע מינימאלע געהאלט; זעלבסשטענדיגע קאנטראקטערס וועלכע קומען נישט נאך די באדייט פון אן ארבעטער אונטער New York State Labor Law, אנטיילנעמער אין ארבעטס ערפארונג פראגראמען, געוויסע ארבעטער וועלכע זענען איסגעשטעלט צו קאלעקטיוו בארגענינג אפמאך. אין פאל פון קאלעקטיוו בארגענינג אפמאכן, זענען ארבעטערס נישט געדעקט דורכ'ן געזעץ אויב דער אפמאך טוט ספעציפיש אויפגעבן די פראוויזיעס פון געזעץ און שטעלט צו ענליכע בענעפיטן. דעסטוועגן, פאר ארבעטערס אין די בויען אדער גראסערי אינדוסטריע וועלכע זענען געדעקט דורך א קאלעקטיוו בארגענינג אפמאך, איז דער געזעץ נישט גילטיג אויב דער אפמאך טוט ספעציפיש אויפגעבן די פראוויזיעס פון געזעץ. פאר אנווייזונגען אויף קאלעקטיוו בארגענינג אמפאמכן, ליינט אפט געפרעגט פראגן אויף **nyc.gov/PaidSickLeave**.

## מעלדונג פון ארבעטער רעכטן

| ארבעטער | דאטום פון ווען דער שריפטליכער מעלדונג איז גילטיג פארן איינגעשטעלטער |
|---|---|
| ניי<br>*אנגעהויבן ערשט ארבעטן אום אדער נאך אפריל 1, 2014* | ערשטער טאג פון ארבעט |
| עקזיסטירנד<br>*ארבעט שוין פארן ארבעטסגעבער איידער אפריל 1, 2014* | מאי 1, 2014 |

איר מוזט צושטעלן שריפטליכע מעלדונג פונעם ארבעטערס רעכט פאר קראנקהייט אורלויב פאר יעדן ארבעטער, אריינגערעכנט אנקלייבונג און באנוץ פון קראנקהייט אורלויב, די רעכט אריינצוגעבן א קלאגע, און די רעכט נישט צו ליידן קיין פארוואורף. די מעלדונג דארף ארויסשרייבן אייער קאלענדער יאר, אריינגערעכנט די ערשטע און לעצטע טאג. ארבעטער האבן די רעכט צו האבן דעם מעלדונג אין ענגליש און, אויב גרייט אויף די DCA וועבזייטל, זייער ערשטע שפראך. די מעלדונג קען מען אויך באקומען ביי nyc.gov/PaidSickLeave.

## קראנקהייט אורלויב אנקלייבונג און באנוץ - וויכטיגע דאטומען

| | ראטע פון אנקלייבונג | דאטום וואס דער אנקלייבונג הייבט זיך אן | דאטום וואס די קראנקהייט אורלויב הייבט זיך אן |
|---|---|---|---|
| **ארבעטער** | איין שטונדע פאר יעדע 30 שטונדן ארבעט | אפריל 1, 2014 *(עקזיסטירנדער ארבעטער)* | יולי 30, 2014 *(עקזיסטירנדער ארבעטער)* |
| | | ערשטער טאג פון ארבעט *(נייער ארבעטער)* | 120 טעג נאך דעם ערשטן טאג פון ארבעט *(נייער ארבעטער)* |
| **היים אנגעשטעלטע** | 2 טעג נאך איין יאר ביי די ארבעט | DCA וועט צושטעלן אנווייזונגען ביי **nyc.gov/PaidSickLeave** | DCA וועט צושטעלן אנווייזונגען ביי **nyc.gov/PaidSickLeave** |

*אויסנאם:* אויב זענט איר געדעקט דורך א קאלעקטיוו בארגענינג אפמאך וואס איז גילטיג אפריל 1, 2014, הייבט איר אן זאמלען קראנקהייט ארלויב אונטער סיטי געזעץ אנגעהויבן די טאג וואס די אפמאך ענדיגט זיך.

## האלטן רעקארד

איר מוזט וואוקליינגן און האלטן רעקארדס וועלכע דאקומענטירן אז דאס געזעץ איז אויסגעפאלגט געווארן, פאר כאטש דריי יאר. איר מוזט האלטן סיי וועלכע געזונטהייט פארבינדעטע אינפארמאציע אין געהיים אויסער אויב דער ארבעטער ערלויבט אייך דאס צו פארעפנטליכן אדער אויב עס ווערט פארלאנגט דורכ'ן געזעץ דאס צו פארעפנטליכן. איר מוזט צושטעלן די רעקארדס פאר די DCA ווען איר באקומט א מעלדונג אויף א באשטימטע צייט פון טאג.

## מעלדונג פון פאראויס

אויב מען קען פאראויסזען די געברויך דאן קענט איר פאדערן פון אייער ארבעטער ביז זיבן טאג פאראויס מעלדונג איבער א ארבעטער'ס פלאן צו ניצן קראנקהייט אורלויב. אויב די נויט איז אומפאראויסגעזען קענט איר פאדערן פון אייער ארבעטער פאראויס מעלדונג דאס שנעלסטע (וואס שייך).

## דאקומענטאציע

איר קענט פאדערן פון אייער ארבעטער פאפירן פון א לייסענסד העלטה קעיר פארזארגער אויב א ארבעטער נוצט מער ווי 3 נאכאנאנדע ארבעטס טעג אלס קראנקהייט אורלויב. Paid Sick Leave Law (די באצאלטע קראנקהייט אורלויב געזעץ) פארבאט פון אייך צו פאדערן פון די העלטה קעיר פארזארגער די מעדיצינישע אורזאך פאר די קראנקהייט אורלויב. אנדערע געזעצן קענען יא פארלאנגען ארויסצוגעבן די אינפאמאציע. איר קענט פארלאנגען פון אייער ארבעטער צוצושטעלן שריפטליכע באשטעטיגונג אז דער ארבעטער האט גענוצט קראנקהייט אורלויב פאר קראנקהייט אורלויב צוועקן.

## אומבאניצטע קראנקהייט אורלויב

אן ארבעטער קען אריבערפירן ביז 40 שעה פון אומגענוצטע קראנקהייט אורלויב ביז דעם קומענדיגן קאלענדער יאר. דעסטוועגן, זענט איר נאך פארפליכטעט צו לאזן אן ארבעטער ניצן ביז 40 שעה פון די קראנקהייט אורלויב פער קאלענדער יאר. איר קענט אויסקלויבן – אבער איר זענט נישט פארפליכטעט – צו באצאלן אן ארבעטער פאר אומגענוצטע קראנקהייט אורלויב ביים סוף פונעם קאלענדער יאר. ארבעטערס קענען נישט אריבערפירן קראנקהייט אורלויב טעג אויב איר צאלט זיי פאר די אומגענוצטע קראנקהייט אורלויב טעג און אז איר שטעלט צו פארן ארבעטער א צאל פון באצאלטע קראנקהייט אורלויב טעג וועלכע קומען נאך אדער זענען מער פון וויפיל דאס געזעץ פארלאנגט פאר די נייע קאלענדער יאר אויפ'ן ערשטן טאג פונעם נייעם קאלענדער יאר.

## פארווארף

איר קענט נישט פארווארף נעמען פון ארבעטער פארן פארלאנגען צו נוצן קראנקהייט אורלויב.
פארווארף נעמט אריין סיי וועלכע דראאונג, דיציפלין, אפזאגן פון די ארבעט, ראנג-נידערונג, צייטווייליגע סוספענשאן, אדער רעדוקציע פון א ארבעטערס שטונדן אדער סיי וועלכע אנדערע אומגינסטיגע שריט אין די ארבעט אנטקעגן א ארבעטער פארן זיך באניצן אדער פרובירן זיך צו באניצן מיט סיי וועלכע רעכט וואס דאס געזעץ פארזיכערט.

## קלאגעס

אויב א ארבעטער געבט אריין א קלאגע צו די DCA, וועט די DCA זיך פארבינדן מיט אייך דורך די פאסט פאר א שריפטליכע אנטווארט. איר מוזט ענטפערן די DCA ביז 30 טעג. די DCA וועט ארבעטן מיט אייך און אייער ארבעטער צו שליכטן די קלאגע. מיר וועלן אייך אויך העלפן צו קענען אויסצופאלגן דאס געזעץ.

## מעלדונג פון פארלעצונג

אויב איר באקומט א מעלדונג פון פארלעצונג וועט איר האבן די מעגליכקייט צו שליכטן די ווייַלעישאן אן א הירינג אדער קענט איר קומען פארענט פון א נייטראלן ריכטער ביי די DCA געריכטליכע טריבונעל.

***באמערקונג:*** אלע ארבעטסגעבער מוזן נאכקומען מיט די געזעץ אנגעהויבן אפריל 1, 2014. ביז אקטאבער 1, 2014 וועלן די פאלגענדע ארבעטסגעבער האבן די מעגליכקייט צו פארזיכערן דאס נאכקומען אן א שטראף, און א ערשטע פארלעצונג בעפאר אקטאבער 1, 2014 וועט נישט ווערן גערעכנט אנטקעגן די פאלגענדע ארבעטסגעבער:

- ארבעטסגעבער מיט 1 ביז 19 ארבעטער
- מעניופעקטשורינג ביזנעסער וועלכע זענען אוויסגערעכנט אין אפטיילונגען 31, 32 אדער 33 U.S. DEPARTMENT OF LABOR'S NORTH AMERICAN INDUSTRY CLASSIFICATION SYSTEM (NAICS) (פון די פאראייניגטע שטאטן לעיבאר דעפארטמענט'ס נארט אמעריקאנע אינדאסרי קלאסיפיקעישאן סיסטעם). פאר א גאנצע ליסטע גייט צו: http://www.bls.gov/oes/current/naics2_31-33.htm

**פראגן? ווילט איר מיטהאלטן א טרעינירונג צו פארשטיין די געזעץ?**

רופט 311 (212-NEW-YORK) אינדרויסן פון ניו יארק סיטי) און בעט פאר אינפארמאציע איבער באצאלטע קראנקהייט אורלויב.